פולע טאבעלע פון דער מלוכה־לאטעריע — זעה 3. זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 296 | Łódź, Sroda, 21 grudnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, כ״ב כסלו תרצ״ג | № 296

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# אויסטויש פון ראטיפיקאציע־דאקומענטען

## צווישען פוילען און סאוויעט־רוסלאנד

וו א ר ש א, 20 (טעלעפאניש)

ווי מיר דערוויסען זיך וועט היינטיגען פרייטאג אין אויסערן־מיניסטעריום פארקומען דער אויסטויש פון די ראטיפיקאציע־דאקומענטען וועגען נישט־אגרעסיע־פאקט, וואס איז געשלאסען געווארען צווישען פוילען און סאוויעט־רוסלאנד.

טריבונע אנגעהויבען צו שרייען, אז מ׳זאל ארויסלאזען אין פארלאמענט א דעלעגאציע פון ארבייטסלאזע. דער רוה־שטערער איז בעזייטיגט געווארען פון זאל.

## נעכטיגע זיצונג פון סענאט

### שארפע רעדע פון אנדעקישען סענאטאר גלאמבינסקי

וו א ר ש א, 20. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) היינט איז פארגעקומען א זיצונג פון סענאט. דער ענדעקישער סענאטאר גלאמבינסקי האט געהאלטען א גרויסע רעדע, אין וועלכער ער האט שארף קריטיקירט די עקספאזע פון פרעמיער פריסטאר און אנגעגריפען דעם איצטיגען שטייער־סיסטעם.

די באהעלטסטע זיצונג פון סענאט קומט פאר פרייטאג, אויף דער טאגעס־ארדענונג וועט זיין דער ראטיפיצירט [illegible] פון דעם אפמאך צווישען פוילען און די סאוויעטען.

## בעלאגערונגס־צושטאנד אין ארגענטינע

ב ו ע נ א ס ־ א י י ר ע ס, 20 (ספ. טעל.)

די ארגענטינישע רעגירונג האט ערקלערט בעלאגערונגס־צושטאנד אויף דער גאנצער טעריטאריע פון דער רעפובליק.

ב ו ע נ א ס ־ א י י ר ע ס, 20 (ספ. טעל.)

די ארגענטינער רעגירונג האט פעראורדענט דורכצופיהרען א רייה מאסען־ארעסטען צווישען די אפיצירען פון די מיליטער־גארניזאנען אין ארגענטינא, וועלכע האבען זיך בעטייליגט אין דער מלוכה־פערשווערונג געגען דער איצטיגער ארדנונג אין לאנד.

צווישען אנדערע זענען ארעסטירט געווארען, דער געוו. קריגס מיניסטער דע לא פינא, דער געוו. אינערן מיניסטער טאמבארין, דער געוו. אויסערן־מיניסטער פוערדאן און דער גאנצער צוזאמענשטעל פון צענטראל־קאמיטעט פון דער ראדיקאלער פארטיי אין ארגענטינא.

בעת די ווייטערדיגע רעוויזיעס אין בוענאס־איירעס האבען די געהיים־אגענטען ענטדעקט גוט־איינגעריכטעטע באמבען־פאבריקען און געהיימע שטאבען פון די פערשווערער.

די מלוכה־פערשווערונג איז ענטדעקט געווארען גאנץ צופעליג. אין איינער פון די געהיימע באמבען־פאבריקען איז בעת דער ארבייט אויפגעריסען די לאבאראטאריע מיט די אויפרייס־מאטעריאלען. די געקומענע פאליציי האט דארט געפונען א סך קאמפראמיטירענדיגען מאטעריאל און איז גלייכצייטיג געפאלען אויף די שפורען פון א ברייט־פערצווייגטער אנטי־מלוכה׳שער ארגאניזאציע.

## נייע קרעדיטען צו בעקעמפען די ארבייטסלאזיגקייט

### נישט אין פוילען נאר אין ענגלאנד

ל א נ ד א ן, 20 (סז. טעל.)

דער פארלאמענט האט נאך א לאנגער דעבאטע איבער דער פראגע פון נייע קרעדיטען אויפ׳ן קאמף מיט ארבייטסלאזיגקייט, בעשלאסען מיט 216 שטימען געגען 31 צו עפענען נייע קרעדיטען אויף דעם צוועק אין דער סומע פון 19 מיליאן פונט שטערלינג. בעת דער דעבאטע האט אנ׳ארבייטסלאזער, וואס האט זיך געפינען אויף דער

יעדער וואס וויל זעהען

# דאס נייע ארץ־ישראל

דארף אין קינא געהן „ראקיעטא״

40 שענקיעוויטשא 40

פון 12 פריה ביז 12 אווענד ווערט דעמאנסטרירט דער נייער א״י־דיגער העברעאישער קלאנג־פילם. בילעטן צו בעקומען אין „תוצרת ארץ־ישראל״ שרודמיעסקא 1 און אין קאסע פון קינא „ראקיעטא״

להדליק נרות של חנוכה!

י י ד ע ן! קויפט נור דעם א ר ץ ־ י ש ר א ל ׳ ד י ג ע ן בוימאייל

שמן זית־זך

מזיתי ארץ־ישראל

פון 50 גראשען אן א פלעשעל קאנט איהר בעקומען

אין „תוצרת ארץ־ישראל״

(ארץ־ישראל־געוועלב), שרודמיעסקא 1.

5358

צענטראלער סוחרים און פאבריקאנטען־פערבאנד

אויף לאדזשער וואיעוואודזטווע (פעטריקאווער 10)

מיכט בעקאנט, אז דאס

אויסקויפען פאטענטען אויפ׳ן יאהר 1933

ענדיגט זיך פרייטאג, דעם 30 ד. ח. 2 נאכמיטאג

כדי צו פערמיידען א געדראנג, ביטען מיר וואס פריהער צו קימען אין אונזער פעראיינס קאנצעלאריע אין די ביורא־שעה׳ן פון 9 ביז 2 בייטאג און פון 4—7 אווענד. מיר מאכען אויך בעקאנט, אלע אונזערע רעפלעקטאנטען אויף

חורש׳ליכע הנחה־טראמוויי־בילעטן צום פרייז פון 20 זל.

זאלען קימען איינצאהלען נישט שפעטער ווי ביז דעם 27־טען ד. ח. אין די ביורא־שעה׳ן און מיטברענגען פאטאגראפיעס.

5368

די בילעטען וועלען זיין אנגענומען אין פעראיינס־קאנצעלאריע.

באלוטער יודישער פליישער־פעראיין

84 זגערזשער 84.

מאכט בעקאנט זיינע מיטגלידער. אז זונטאג, דעם 25. דעצעמבער ד. י., 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין לאקאל די

גענעראל־פערזאמלונג

מיט פאלגענדען טאג־ארדנונג:

1) וואהלען פון א פרעזידיום, 2) בעריכט פון דער פערוואלטונג און רעוו.־קאמיסיע, 3) וואהלען פון א נייע פערוואלטונג, 4) פרייע פארשלאגען.

אלע מיטגלידער ווערען געבעטען אונבעדינגט צאהלרייך צו ערשיינען.

מיט אכטונג

משה איינשינדלער, יאשקע האכטאן, לייזער צינגמאן.

5476

פאר גאלד,

בריליאנטען, בישוטעריע און לאמבארד־קויטעס

צאהלט די העכסטע פרייזן

אייזידאר פיאלקא

פעטריקאווער 7. 6078

ENGLISH

פאר ענגער און מארטע־געשיטענע. קאנווערס־ציע, ליטעראטור

ערטיילט א פעהיגער פע־דאגאג. — אפערטען אין אדמיניסטר. סאר „Mir״.

קרן היסוד לודז.

זאל פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20

היינט, מיטוואך, ד. 21 דעצעמבער 8.30 אווענד

פייערליכע ארץ־ישראל־אקאדעמיע

מיט רעדעס אויף ד. ט.:

„פאר דער פינפטער עליה״

וועלען ארויסטרעטן: ראטמאן ד״ר מ. הילדעס, מיטגליד פון דירעקטאריום פון קה״י

אדוואקאט א. לעווינסון (ווארשא) דירעקטאר פון קה״י אין פוילען.

בילעטען פון 30 גראשען אן צו בעקומען אין ציוניסטישען ביורא, שרודמיעסקא 29 און פון 5 נאכמ. ביי דער קאסע פון דער „פילהארמאניע״.

1313

Lekarz-Dentysta

M. Kaniewska

Zawadzka 6.

נעהמט אן פון 10—1 מיטאג און פון 3—7 אווע׳ד.

אויגען־קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פעטריקאווער 90, טעל. 72־221

נעהמט אן שטענדיגע אויגען־קראנקע (צוועק אפעראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטאריש פון 9—1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

4091

נאך לאנגע שווערע ליידען איז געשטארבען מיין ליבע פרוי, אונזער טייערע און אונפערגעסליכע מוטער, שוועסטער, שוועגערין און טאנטע

ב״ע

סימע צאללע

(געבוירען קאץ) אין עלטער פון 36 יאהר

(געוואוינט גענשא 7).

די לויה קומט פאר היינט, מיטוואך, ד. 21 דעצעמבער 1932. 2 א זייגער בייטאג פון ראדאגאשטשער שפיטאל, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

5370

אנאנסן אין נייעם פאלקסבלאט האבן גרעסטען ערפאלג!

